# יצחק-ל. פּרץ

# שלום בית

חיים איז אַ טרעגער.

אַז ער גייט דורך אַ גאַס, אײַנגעהויקערט אונטערן קאַסטן סחורה, זעט מען אים נישט אַרויס; עס דאַכט זיך , אַז דער קאַסטן גייט אַליין אויף צווײ פֿיס... דאָס שווערע אָטעמען הערט זיך דאָ פֿון ווײַטנס!

דאָך – אָט לענט ער אָפּ די לאַסט, באַקומט זײַנע עטלעכע גראָשן; ער גלײַכט זיך אויס, אָטעמט שטאַרק אָפּ, בינדט אָפּ די פּאָלעס, ווישט זיך אָפּ דעם שווייס פֿון פּנים, גייט גלײַך צום ברונעם, מיט אַ פּאָר שלינג וואַסער און לויפֿט אין אַ הויף אַרײַן.

ער שטעלט זיך נעבן אַ וואַנט, הויבט אויף דעם ריזן-קאָפּ אַזוי, אַז דעד שפּיץ באָרד מיט דער נאָז, מיטן דאַשעק פֿונעם היטל, קומען אויס אויף איין שטח.

ער רופֿט:

– חנה!

פֿון אונטערן דאַך עפֿנט זיך אַ קליין פֿענצערל, און אַ קליין ווײַבעריש קעפּל אין אַ ווײַסן ציפּיק ענטפֿערט:

– חיים?!

דאָס פּאָרפֿאָלק קוקט זיך גאַנץ צופֿרידן אָן; די שכנים זאָגן: זיי קוועטשקען זיך. חיים וואַרפֿט אַרויף זײַן פֿאַרדינסט, אײַנגעוויקלט אין אַ שטיקל פּאַפּיר. חנה כאַפּט עס אין דער ולופֿט; עס איז איר נישט דאָס ערשטע מאָל.

– אַ בריה נפֿלאה! – מאַכט חיים, און האָט גאָר קיין חשק נישט אַוועקצוגיין.
– גיי, גיי, חיים! – שמייכלט זי, – איך קאָן מיך נישט רירן פֿון קראַנקן קינד... איך האָב מיך צוגעשטעלט דאָס וויגל צום קוימען...

מיט דער האַנט שוים איך און מיטן פֿוס וויג איך...

– וואָס מאַכט עס, נעבעך?

– בעסער!

– געלויבט איז גאָט! און הענע?

– ביַי דער נייטאָרין!

– יאָסל?

– אין הדר.

חיים לאָזט צוריק אַראָפּ די באָרד, גייט אַוועק און חנה קוקט אים נאָך, ביז ער ווערט ער פֿאַרשווינדן.

דאָנערשטיק און פֿריַיטיק דויערט עס לענגער.

וויפֿל האָסטו אינעם פּאַפּיר? – פֿרעגט חנה.

– צוויי און צוואַנציק גראָשן.

– איך האָב מורא, עס איז ווייניק.

– וואָס דאַרפֿסטו דען, חנה?

פֿאַר אַ זעקסער שמירעכץ פֿאַרן קינד, פֿאַר עטלעכע גראָשן ליכט,

חלה האָב איך שוין... פֿלייש אויך, אַנדערטהאַלבן פֿונט... נו – בראָנפֿן אויף קידוש! – הסינט דאַרף מען נאָך עטלעכע דרענגלעך!

– דרענגלעך וועל איך דיר שוין שאַפֿן, עס מוז זײַן אויפֿן מאַרק.

– דאַרף איך נאָך ...

און זי רעכנט אויס, וואָס זי דאַרף נאָך אַלץ פֿאַר שבת. סוף כּל סוף בלײַבט: אַז מען קאָן קידוש מאַכן איבער חלה, און אַז אָן אַ סך זאַכן איז זיך גאַנץ לײַכט צו באַגיין.

דער עיקר איז – בענטשליכט, אויך די זאַלב פֿאַרן קינד!

און פֿון דעסט וועגן, אַז גאָט העלפֿט, די קינדער זענען געזונט, די מעשׂענע לײַכטער – נישט פֿאַרזעצט, בפֿרט, אויב עס איז דאָ נאָך אַ קוגל – האָט דאָס פֿאָר פֿאָלק אַ פֿריילעכן שבת!

וואָרום חנה איז אַ בריה נפֿלאה צום קוגל!

שטענדיק פֿעלט איר עפּעס; דאָ מעל,דאָ אייער, דאָ פֿעטס, און צום סוף קומט אַר ארויס אַ פֿעטער, אַ זיסער, אַ מחיהדיקער קוגל, ער צעגייט פּשוט אין אַלע אברים!

– דאָס קאָכט דער מלאך, זאָגט חנה און שמייכלט פֿאַר נחת.

– יאָ, אַ מלאך, אוודאי אַ מלאך! לאַכט חיים, – דו מיינסט, אַז דו ביסט אַ קליינער מלאך, אַז דו האַלסט אויס פֿון מיר און פֿון די קינדער זויפֿל מאָל טוען זיי דאָר אָן צרות, איך ווער אַ מאָל בייז... נו איך הער עפּעס אַ קללה פֿון דיר, ווי אַנדערע בײַ די ווײַבער? און באשר דו האָסט אַ סך נחת פֿון מיר? דו און די קינדער גייען נאַקעט און באָרוועס... צו וואָס טויג איך? נישט צו קידוש, נישט צו הבדלה, איך קאָן אַפֿילו נישט רעכט קיין זמירות זינגען...

– ביסט פֿאָרט אַ גוטער טאַטע, און אַ גוטער מאַן, האַלט זיך חבה צײַ איריקן, – אַזאַ יאָר אויף מיר, און אויף כּל ישׂראל... איך זאָל מיך נאָר עלטערן מיט דיר, רבונו של עולם!

און דאָס פּאָר פֿאָלק קוקט זיך אין די אויגן אַרײַן אַזוי גוט, אַזוי וואַרעם, און אַזוי מיטן גאַנצן האַרץ, אַז עס דאַכט זיך, זיי זענען ערשט פֿון אונטער דער חופּה אַפֿער...

עך ווערט נאָך פֿריילעכער ביַים טיש...

נאָר נאָכן שלאָף, גייט חיים אין קליינעם שילעכל אַריַין הערן תורה.

דאָרטן לערנט אַ מלמד מיטן פּראָסטן עולם „אַלשיך“. עס איז הייס, די פּנימער זענען נאָך פֿאַרשלאָפֿן; איינער כאַפּט נאָך אַ דרימל, דער צווייטער לאָזט אַרויס אַ הויכן גענעץ; נאָר ראַפּטים, ווען עס קומט צום רעכטן אָרט, מען שמוסט פֿון יענער וועלט, פֿון גיהנום, ווו מאַן שמיַיסט די רשעים מיט איַיזערנע ריטער; פֿון ליכטיקן גן–עדן , ווו די צדיקים זיצן אין גאָלדענע קרוינען און לערנען תורה... דעמאָלט ווערן אַלע אויפֿגעלעבט; די מיַילער – אָפֿן, די פּנימער – רויט... מען הערט זיך איַין אָן אַן אָטעם, וואָס עס וועט זיַין אויף יענער וועלט!

חיים שטייט געוויינטלעך ביים אויוון. ער האָט טרערן אין די אויגן, עס ציטערן אים הענט און פֿיס; ער איז אין גאַנצן אויף יענער וועלט!

ער ליַידט צוזאַמען מיט די רשעים, באָדט זיך אין הייסער סמאָלע; ער ווערט געוואָרפֿן כּף הקלע, קלויבט שפּענער אין וויסטע וועלעדער... אַלץ לעבט ער דורך, און עס באַדעקט אים דער קאַלטער שוויס... פֿאַר דאָס האָט ער שפּעטער נחת גליַיך מיט אַלע צדיקים: דאָס ליכטיקע גן-עדן, די מלאכים, דער לויתן, דער שור–הבר, און אַלע גוטע זאַכן שטעלן זיך אים פֿאָר אַזוי לעבעדיק און אַזוי בולט, אַז ווען דער מלמד ענדיקט, גיט אַ קוש און פֿאַרמאַכט דעם ספֿר, מאַכט ער זיך אויף ווי פֿון אַ חלום, טאַקע ווי פֿון יענער וועלט.

אַך, – כאַפּט ער שווער דעם אָטעם, וואָס ער האָט איַינגעהאַלטן ביַי דער גאַנצער ציַיט, – רבונו של עולם! כאָטש אַ שטיקל, כאָטש אַ פּיצל, כאָטש אַ בראָקעניו עולם הבא... פֿאַר מיר, פֿאַר מיַין וויַיב, און פֿאַר אַלע מיַינע קינדערלעך!

און דעמאָלט ווערט ער טרויעריק; ער פֿרעגט זיך: „אימשטינס געזאָגט, פֿון וואָס, פֿאַר וואָס?...“

איין מאָל איז ער נאָכן לערנען צוגעגאַנגען צום מלמד:

– רבי, – זאָגט ער, און דער קול ציטערט – גיט מיר אַן עצה, איך זאָל זוכה זיַין צום האָבן עולם הבא!

– לערן, מיַין קינד, תורה! – הערט ער אַ תשובה.

– איך קאָן נישט!

– לערן משניות ... אין- יעקב, כאָטש פרק...

– איך קאָן נישט!

– זאָג תהילום!

– איך האָב קיין ציַיט נישט!

– דאַוון ערנסט!

– איך פֿאַרשטיי נישט, וואָס איך דאַוון!

דער מלמד קוקט אים אָן מיט רחמנות.

– וואָס ביסט דו? – פֿרעגט ער.

– אַ טרעגער.

– נו, זיַי משמש תלמידי-הכמים.

– וואָס הייסט?

– טראָג , למשל, אַלע פֿאַר נאַכט אין בית המדרש אַריַין אַ פּאָר

קאַנען וואַסער, די לומדים זאָלן האָבן צו טרינקאען...

חיים ווערט דערפֿרייט.

– רבי, – האָט ער וויַיטער געפֿרעגט, און מיַין וויַיב?

– אַז דער מאַן זיצט אויף אַ שטול אין גן-עדן, איז דאָס ווײַב זײַן פֿיסבענקעלע.

אַז חיים איז אַהיימגעקומען הבדלה מאַכן, איז הנה געזעסן און געזאָגט „גאָט פֿון אַברהם“. אַז ער האָט זי דערזען, האָט אים עפּעס אָנגעכאַפּט בײַם האַרץ.

– ניין, חנה – פֿאַלט ער צו איר צו, – איך וויל נישט, דו זאָלסט זײַן מײַן פֿיסבענקל... איך וועל מיך אַראָפּבייגן צו דיר. איך וועל דיך אויפֿהייבן און זעצן דיך נעבן מיר. ניר וועלן צוזאַמען זיצן אויף איין שטול, ווי אצינד... עס איז אונדז אַזוי גוט צוזאַמען... הערסט, חנה, דו מוזט זיצן מיט מיר אויף איין שטול... דער רבונו של עולם וועט מוזן באַשטיין.

Copyright © 2007 Leonard Prager
All Rights Reserved